בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

פרשת עקב תשפ"ה | גליון 749 | 8.14.25

## פסוק כל המצוה בפרשתן עם פי' רש"י,
## חביבות גומרה של מצות הצלת מתי מצוה

**כָּל־הַמִּצְוָה (רש"י)** כִּפְשׁוּטוֹ; וּמִדְרַשׁ אַגָּדָה אִם הִתְחַלְתָּ בְּמִצְוָה גְּמֹר אוֹתָהּ, שֶׁאֵינָהּ נִקְרֵאת אֶלָּא עַל שֵׁם הַגּוֹמְרָהּ, שֶׁנֶּאֱמַר "וְאֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף אֲשֶׁר הֶעֱלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם קָבְרוּ בִשְׁכֶם" (יהושע כ"ד), וַהֲלֹא מֹשֶׁה לְבַדּוֹ נִתְעַסֵּק בָּהֶם לְהַעֲלוֹתָם? אֶלָּא לְפִי שֶׁלֹּא הִסְפִּיק לְגָמְרָהּ וּגְמָרוּהָ יִשְׂרָאֵל נִקְרֵאת עַל שְׁמָם (תנחומא):

## פינטשוב, פוילן

היסטארישע אלטע בילדער פון די ביה"ח





לרגל די יארצייט **י"ט מנ"א** פון הרב הקדוש **רבי אברהם מרדכי פינטשוב'ער** זי"ע, הערשט א גרויס התעוררות מנדב צו זיין סכומים גדולים בכדי צו ערמעגליכן די טיילווייזע אויפבוי פון די גדר. ווי באקאנט ווערט געמאכט פיל השתדלות, בכדי צו קענען אפראטעווען מקום הקודש, ב"ה אז נאך פיל מיה איז געשאפן געווארן די פערמיט אנצוהויבן מלאכת הקודש. איז יעצט דא די גרויסע זכות און די געוואלדיגע געלעגנהייט להתעסק בקדשים ולעשות נייחא לנפש הצדיק, זוכה זיין אין די אויסערגעוויינליכע הזדמנות און מתעסק זיין בעצמות הצה"ק. **פארבינד אייך מיט די נכדים החשובים, אדער רופט אין אפיס פון אבותינו אויף עקס 301/303.**






עסקני אבותינוביים משתדל זיין לטובת הביה"ח ←

## גערלא, [סאמאש אויוואר] רומעניע

פרעזענטאציע פאר די בני משפחה



**בנשיאות כ"ק אדמו"ר מ'בריזדאוויץ שליט"א**, א הערליכע מיטונג מיט די השתתפות פון חשובי צאצאי יוצאי העיר לטובת די פאלגענדע תיקוני הביה"ח, · אוועקצושטעלן א מעינטעינס קבוע, · ווייטער'דיגע פעולות הצלה אויף די חלק הביה"ח וואס איז נאכנישט ארומגענומען, · אוועקשטעלן א וועג וואס זאל זיין אפגעטיילט פון קברי עכו"ם. · אויפשטעלן און פארעכטן די אראפגעפאלענע מצבות. די אסיפה איז אפגעראכטן געווארן **בבית הרבני הנכבד הרה"ח מוה"ר בעריש עסטרייכער שליט"א**, די אסיפה איז אנגעפירט געווארן בטוטו"ד דורך **הרבני הנכבד הרה"ח מוה"ר פנחס פראנקל שליט"א**, א הערליכע פרעזענטאציע איז צוגעגרייט געווארן בסיוע העסקן הנמרץ עושה מעשים רבים להצלת הביה"ח ה"ה **הרה"ג בנש"ק הרב שמחה ישכר בעריש רובין בן כ"ק אדמו"ר מבריזדאוויץ שליט"א – הנשיא**, אינאיינעם מיט אחיו **הרה"ג בנש"ק ר' אשר ישעי' שליט"א**,

די משתתפי האסיפה הרב החסיד **מוה"ר יעקב ברוך טירנויער** ובניו החשובים שליט"א, **בני הנשיא שליט"א, הרב בנש"ק ר' שלו' אליעזר רובין שליט"א בן הרב מוה"ר מאיר יוסף זכרונו לברכה, ועוד כולם אנשים חשובים**, זענען גאר שטארק איבערגענומען און ס'איז דערביי אוועקגעשטעלט געווארן א וועד זיך אפגעבען מיט די דערמאנטע תיקוני הביה"ח, און אפנעמען די נדבות הלב פון שאר משפחות חשובות צאצאי יוצאי העיר הי"ו, וחפץ ד' בידינו יצליח.




הערליכער גדר געבויט בשנת תשע"ז ←

## לושקא אינטערדאם, רומעניע




לרגל די קומענדע יארצייט ביום השב"ק הבעל"ט, כ"ב מנ"א, פונעם רב הגאון הצדיק רבי העניך א זון פונעם נאסויד'ער רב זי"ע, איז בהשתדלות **נכדו הגה"צ אב"ד נאסויד שליט"א מווס"ב**, געשאפן געווארן א שיינעם סכום לטובת הביה"ח, בנדבת ידידו הרבני הנכבד הנודע בשערים בצדקת פזרונו לכל דבר שבקדושה, **מוה"ר יואל פליישמאן שליט"א**, וזכות הצה"ק יגן להוושע בכל מילי דמיטב.

## 260 בתי חיים אנגעשלאסן אונטער
## סניף משמרת ביה"ח

### חסד ואמת - חסד שעושים עם המתים הוא חסד של אמת...

וועד משמרת אבותינו נאכ'ן דריטע שניט
דוגמאות פון די הערליכע בילדער און רעפארטס
וואס ווערן ארויסגעשיקט אין די טעג

### אונגוואר, אוקריינא






משמרת ביה"ח ע"י יוצאי העיר בראשות:
הרה"ח ר' מרדכי יוסף פערל שליט"א

### שאראשפאטאק, אונגארן






נבנה ע"י יוצאי העיר בראשות: האחים הרה"ח ר' אהרן והרה"ח ר' מענדל ווײַנשטאק ע"ה | משפחת גרינפעלד שליט"א | יו"ר משמרת ביה"ח: הרה"ח ר' יצחק זאב ווײַנשטאק שליט"א | הרה"ח ר' מיכל והרה"ח ר' שאול גרינפעלד שליט"א

## וויכטיגע אויפקלערונג

### אין די טעג ווען מענטשן פארן באזוכן קברי אבות:

- אונטער'ן מעינטענענ"ס פראגראם שניידט מען דעם ביה"ח אין פיר באשטימטע צייטן. אין רוב פעלער איז דאס גענוג, אבער אויב ווילט איר באשטימען נאך א שניט ביטע רופט אין אפיס.
- אויב מען באזוכט דעם ביה"ח ביינאכט, איז וויכטיג צו לאזן וויסן דעם שומר פון פאראויס.
- ביטע מאכט זיכער ארייצורופן אין אפיס פון 'אבותינו' כאטש א וואך איידער'ן פארן צום ביה"ח צו מברר זיין פרטים פונעם ביה"ח. זיך צו פארבינדן מיט די מעינטענענס אפטיילונג ביטע רופט:

718-640-1470 עקס. 302/306

**יארצייט**

**מדור מיוחד: בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שבונים / נבנו ע"י** | **כ' אב:** רבי אהרן פרידמאן זצ"ל **מאוהעל** | רבי שמעיהו ב"ר יהודה דוד זצ"ל **מ'סעמיהאלי** | רבי שאול **קאליבער** זצ"ל | **כ"א אב:** רבי שלמה זלמן ב"ר משה מעשיל ריינער זצ"ל ראב"ד **באלחוב** | רבי זאב וואלף ב"ר ברוך גאלדבערגער זצ"ל אב"ד **ב. הוניאד** | רבי חנוך העניך ב"ר אברהם יהושע פריינד זצ"ל אב"ד **אינטערדאם** | **כ"ד אב:** רבי משה ב"ר אליעזר וואהל זצ"ל אב"ד **ה. מאד** | רבי אפרים זלמן ב"ר מנחם מאניש מרגליות זצ"ל **מבראד** | **כ"ו אב:** רבי נח נפתלי ב"ר ישראל יעקב זצ"ל **מקאברין** | רבי יששכר בעריש ב"ר אשר זעליג לויפער זצ"ל, מנו"כ **בשאמלוי** | **כ"ז אב:** רבי יחיאל ב"ר יצחק לייב וואגשאהל זצ"ל אב"ד **פריסטיק** | רבי משה ב"ר צבי הירש ווייס זצ"ל אב"ד **זבארוב** | רבי משה מרדכי ב"ר ישעי' פאללאק זצ"ל אב"ד **וואדקערט**

HFPJC • אבותינו

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC) aka - Avoyseinu
18 Heyward St, Suite 200, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: info@hfpjc.com
Mailing Address 199 Lee Avenue #1114 Brooklyn NY 11211
Affiliated Organizations: London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha